# אַ מענטש

ער האָט געוואוסט:
ער איז אַ ניט פאַרענדיקטער עקספּערימענט
אין גרויסע לײדנשאַפטן, אמת, פּאָזע,
אַ ניט דערבאַקענע מעטאַמאָרפאָזע
פון הויכן גלויביקן געדאַנק
אין אָרים פלייש און בלוט,
מיט מיליאָנען אַנדערע האַלב־ריזן און האַלב־גנאָמען
אַ שפּאַטישער אומניצלאַכער באַווייז,
אַז דער אַלמעכטיקער קען שוואַך
זיין פּאַד.

אָפטמאָל פלעגט ער טראַכטן, שפּאַנענדיק אין שטוב:
„כדי אַ באַרג זאָל זיין, מוז דען זיין אַ גרוב?“

„נו, גוט, איך וועל דערשלעפּן ווי ניט איז דעם עול“.
און ער פלעגט שמייכלען מיד און איבערקלוג,
גלעטן זיך דעם פּליך, רויכערן פאַל־מאָל,
זען ווי איבער טרעפּ פון יאָרע, אַמעטיסט
פּאַמעלאַך קייקלען זיך די טעג.

און זיך אַליין אַמאָל פאַרטרויען ווי אַ סוד:
„ווי איך בין אַ איד"...
„ווי איך בין אַ איד,
עס איז ניט די קלענסטע צווישן העלדישקייטן
טרינקן שוואַרצע קאַווע
אין אַן אויגנבליק,
וואָס הענגט אומזיכער צווישן אייביקייטן,
און אויפהויבן די קאַווע פאַר אַ טאָסט:
„גאָט, איך בין דיר מוחל. הערסט?
איך בין דיר מוחל, גאָט".

# א י ר   ש מ י י כ ל

איר שמייכל איז האַרבסטליכט איבער איר וועלט —
קיל און מיד און באַהעלט
די פּראַצע אין שטוב, די יאָרן אין שפּאַן
און מיט קינד און מאַן
דעם אייביקן נאַאיוון דיאַלאָג.

דאָס איז בײטאָג.

אָבער בײנאַכט, אין שלאָף פֿאַרשלאָסן,
איז איר פּנים פֿרעמד. אין גראָבן לייוונטענעם העמד
טאַנצט זי אַצינד אין שענק מיט זעלנער און מאַטראָסן,
געשליידערט און צוריקגעכאַפּט פֿון שטורעמדיקע הענט.
און לויערנדיקע אויגן אין איר איינגעזויגן,
קעפּ ווי ביי די אָקסן שטייף אַראָפּגעבויגן,
אָפּצאַסן שטאַמפּנדיקע, אַקסלען, עלנבויגנס
ווירבלען אַרום איר אַלץ דראָענדיקער, ענגער. צייִנער בליצן,
ציינער גיריק אין די ליפּן איינגעביסן.
דאָ גאַרט דאָס בלוט זיך צו פֿאַרגיסן
און ליבע איז דאָ ענלאַך צו אַ שלאַכט.

און ליבע איז אַ טשאַדענדיקער פֿאַקל, מאַכט
אומהיימלאַך און בלוטנדיק די ווענט. כישוף׳ט אויס

פון נאַכט אַ שטאָט באַרבאַרישע, אַ גאַס, אַ הויז,
מיידלאַך אין אַ רינג,
און זי אין מיטן, ברוין און גרינג.
און לאַנגזאַם רירן אַז אירע רויזגעפאַרבטע פינגער
דער פריינדינ׳ס קליינע אויפגעשפּיצטע בריסט,
פאַלן צו, בלייבן שטיין
אין גליק ביז צום פאַרגיין.
און גליק, געזאַנג, געוויין
איז אין דער הינגעבונג פון הייסע פינגער.
און שמערצלאַך פלאַטערן אויף די וויעס
אויף אַ געזיכט, ווי פון אַ גאָט פאַרשטיינט.

ווי אַ שיינעווילדע מעשה, וואָס מען האָט געלייענט
און ניט דערלייענט, און אין מיטן זיך פאַרטראַכט
וועגן אַ שטאַלענער פייערלאַכער נאַכט,
וואָס האַלט דעם לעצטן סוד אין שוים,
וואו אַלע מעשיות זיינען אוים —
אַזוי זעט זי איר לעבן. ווי אַ הויכן פלאַם,
פאַרשטאַרט אין גאַלדענעם טאַנץ, און ס׳איז אַ טויטער פלאַם.
און ס׳איז גרויער ווינט און גרויער ים,
און פון אוונטרויט ראָלט דאָס טרויעריקע גאָלד,
און זי גייט פון פרייד באַפרייט
צו לעצטער פראַסטיקער איינזאַמקייט,
און ווייסט ניט, אַז איינער וואַכט נעבן איר.

איר געזיכט איז פֿאַר אים אַ פֿאַרשלאָסענע טיר,
און הינטער איר לויערן שרעקן. ער קוקט און ליידט.
ער ליידט.
זיינע ליפּן וועקן איר זעל אויף די טונקעלע וועגן,
אירע ליפּן, וועלכע אין חלום זיך רעגן.
זי עפֿנט לאַנגזאַם די אויגן,
לאַנגזאַם שמייכלט זי דעם מאַן אַנטקעגן
און קומט פֿון זייער ווייט.